# זכר מלמדים לברכה

לעכטיגע זכרונות, הדרכות און הנהגות פון אונזערע אַמאָליגע געהויבענע מלמדים זכרונם לברכה

**שמואל שלמה טעללער**, קרית יואל


**טייערע אנ"ש חברי "אהבת קדומים"**

ביטע רופט אַריין 845.783.0735

**און גיבט איבער זכרונות פון אייערע אַמאָליגע מלמדים**

לאָזט אויך איבער אייער נאָמען און טעל. נומער אַז מיר זאָלן אייך קענען צוריקרופן אויב ס'פעלט אויס

**מיט דאַנק פון פאָראויס – וזכות הרבים תלוי בכם**


## טו

## הרב החסיד המרומם רבי יקותיאל זלמן בינער זללה"ה



**מרביץ תורה ומנהל רוחני במוסדות סאטמאר**

### כיבוד אב בשב ואל תעשה

**עס דערציילט אונז הרה"ח ר' שלום יצחק שעהר שליט"א סופר סת"ם:** אלס קינד אין חדר האב איך געהערט פון מיין מלמד הרה"ח **ר' זלמן בינער ז"ל** אז הרה"ק **רבי אברהם מ'טשעכענוב זצ"ל** האט אנגעזאגט פאר זיין זון וואס האט געוואוינט אין די מרחקים: "זאלסט נישט קומען צו מיר נאר ווען איך וועל דיך רופן".

האט ער מסביר געווען זיין כוונה, אז היות דער זון וואוינט אין די מרחקים, און ער האט ווייניגער די געלעגנהייט צו מקיים זיין מצות כיבוד אב, ממילא האט ער אים אנגעזאגט אז ער זאל נישט קומען ביז ווען ער רופט אים, אזוי אז מיט'ן 'שב ואל תעשה', כל זמן ער קומט נישט צו אים, איז ער כסדר מקיים א מצוה פון כיבוד אב.

כ'האב געקלערט אז דאס ליגט אין פסוק (במדבר ט' יט) על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו וגו' ושמרו בני ישראל משמרת ה' ולא יסעו". אז מ'איז מקיים די מצוה פון השי"ת נישט נאר ווען דער אויבערשטער האט געהייסן גיין, נאר אפילו ווען מ'האט גערוט האט מען אויך מקיים געווען מצות ה', ווייל השי"ת האט מצוה געווען 'ולא יסעו' אז מ'זאל נישט ציען.

### די ציונים זאלן גיין שלאפן

**עס דערציילט הרה"ח ר' אהרן בינער שליט"א:**

עס פלעגט אלעמאל דערציילן מיין טאטע הרה"ח ר' זלמן בינער ע"ה, אז יענעם שב"ק שקלים תשמ"ו אין אנטווערפן איז דער רבי מרן הברך משה מסאטמאר זי"ע אריינגעקומען זייער שפעט צום טיש, דער ציבור איז געשטאנען און געווארט, און עס איז געווען א גרויסע פלא פארוואס דער רבי קומט נישט אריין, בפרט ווען דער רבי איז געווען באקאנט אלס א שטארק פונקטליכער מענטש.

ווען דער רבי איז למעשה אריינגעקומען צום טיש, האט ער זיך מתנצל געווען בענוות קדשו פארן ציבור אויף דעם וואס ער האט זיך פארשפעטיגט, און דער רבי האט דאן דערציילט א מעשה וואס ער האט געהערט פונעם פעטער מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע: מעשה שהיה ווען הרה"ק רבי מרדכי דוד דאמבראווער זי"ע האט זיך משדך געווען מיטן זיידן הרה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע פון דראביטש, און ביים שרייבן די תנאים האבן זיך די צדדים אויסגענומען זייערע התחייבות'ער פאר'ן פארפאלק, הרה"ק מדאמבראווע האט זיך אונטערגענומען אז ער וועט אויסהאלטן דאס פארפאלק עטליכע יאר על שולחנו. עס איז געווען אפגעשמועסט אז דער מחותן הרה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע וועט זיין דער מסדר קידושין.

ווען עס איז געקומען צו די חתונה, האט מען געווארט צו גיין צו די חופה, אבער רבי מרדכי דוד מדאמבראווע האט זיך איינגעשפארט אין א חדר מיוחד, און ער איז נישט ארויסגעקומען א לענגערע צייט. אינצווישן האט ער ארויסגעשיקט א שליח זאגן פארן מחותן אז ער האט זיך בארעכנט און ער וויל נישט געבן אזא לאנגע צייט קאסט פארן פארפאלק.

כאטש עס איז געווען א פלא פאר רבי אלעזר ניסן, האט אבער ער געזאגט אז אזוי ווי דער רמ"א פסק'נט (אהע"ז סי' ב') אז מ'זאל נישט אפהאלטן קיין חתונה צוליב טענת ממון איז ער מוותר אויפן צאל יארן קאסט וואס ער האט צוגעזאגט, און דער מחותן זאל שוין ארויסקומען צו די חופה.

דער מחותן איז אבער נאכאלס נישט ארויסגעקומען, דער שליח איז אריינגעגאנגען מברר זיין וואס עס גייט פאר, האט רבי מרדכי דוד געזאגט אז ער האט מחליט געווען אז ער וויל בכלל נישט געבן קיין קאסט. ווען רבי אלעזר ניסן האט דאס געהערט האט אים דאס זייער ווי געטון נישט פארשטייענדיג וואס דא האט פאסירט, און פארוואס ער האט חרטה געהאט אויף זיין התחייבות, אבער למען השלום האט ער געזאגט אז ער איז מוותר.

עס איז אריבער נאך א שטיק צייט און דער מחותן קומט נאכאלס נישט ארויס, דער שליח איז ווידער אריינגעגאנגען מברר זיין וואס עס גייט פאר, האט רבי מרדכי דוד געזאגט אז ער וויל זיין דער מסדר קידושין. ווי אויפפאלנד דאס איז געווען האט רבי אלעזר ניסן אויך דאס נאכגעגעבן. דאס האט אבער נאכאלס נישט געהאלפן, און דער דאמבראווער רב איז נישט ארויסגעקומען.

שפעטער האט ער געשיקט א פארלאנג אז דער מחותן זאל שוין מסלק זיין דעם גאנצן נדן וואס ער האט זיך מתחייב געווען. אויף דעם האט רבי אלעזר ניסן געזאגט אז ער האט נישט דאס געלט אויפן פלאץ, די איינציגסטע עצה איז אז ער זאל ארומפארן איבער די שטעט און דערפער צווישן חסידים וידידים און צוזאמשטעלן דאס געלט.

ווי פארשטענדליך איז רבי אלעזר ניסן געווארן זייער צובראכן פון דעם גאנצן עסק, ער האט נישט פארשטאנען מה ראה על ככה צו פארשטערן די שמחה ממש פאר די חופה. די מקורבים זענען אריינגעגאנגען פועל'ן ביים דאמבראווער רבי'ן אז ער זאל שוין ארויסקומען צו די חופה און רחמנות האבן אויפן מחותן וואס האט אזא עגמת נפש פון די פרשה. אבער דער דאמבראווער רב האט געעפנט א גמרא און זיך געזעצט לערנען זאגנדיג אז 'ביז ווען דאס געלט איז נישטא גייט מען נישט צו די חופה'.

עס איז שוין געווען כמעט חצות הלילה ווען רבי מרדכי דוד מאכט פלוצלונג צו די גמרא מיט א פחד, און רופט אויס "דער רבי איז דא! לאמיר שוין גיין צו די חופה".

ווען דער מחותן רבי אלעזר ניסן האט פארלאנגט אן ערקלערונג אויף די גאנצע זאך, האט אים רבי מרדכי דוד דערציילט אז עס איז געווען אמאל ווען ער האט זוכה געווען צו טון

א גרויסע טובה פארן רבי'ן פון לובלין זי"ע - ווען דער רבי האט דאס דערציילט האט ער זיך אויסגעדריקט "איך האב געפרעגט דעם פעטער ז"ל וואס די גוטע זאך איז געווען, און ער האט געזאגט אז ער ווייסט אויך נישט". - און דער רבי פון לובלין האט אים זייער מכיר טובה געווען אויף דעם, האט ער אים דעמאלט געגעבן א הבטחה אז ער וועט קומען צו אלע חופות פון זיינע קינדער, כל זמן ער וועט זיין בחיים וועט ער קומען פערזענליך, און לאחר פטירתו וועט ער קומען פון אויבן, וכך הוה ביי אלע קינדער ביז יעצט.

"היינט ווען איך האב געוואלט גיין צו די חופה האב איך נישט געזען דעם רבי'ן, האב איך געוואלט אפשטופן די חופה, איך האב מורא געהאט אז דער רבי איז נישט מסכים צום שידוך, וועגן דעם האב איך פרובירט אפצושטופן די חופה מיט פארשידענע תירוצים איבערן נדן וכדומה, אבער יעצט ווען דער הייליגער חוזה איז אנגעקומען, האב איך געוואוסט אז מ'קען גיין צו די חופה. האט אים רבי אלעזר ניסן געפרעגט צי ער ווייסט דעם טעם פארוואס ער איז געקומען אזוי שפעט, האט דער דאמבראווער רבי געזאגט אז ער האט געפרעגט די שאלה און דער חוזה האט אים געענטפערט אז אין דאמבראווע וואוינען אסאך מתנגדים, האט ער געווארט אז זיי זאלן אלע גיין שלאפן, און הערשט נאכדעם איז ער געקומען צו די חופה.

דער רבי האט מסביר געווען אז אלע חתונות פון די קינדער פונעם דאמבראווער רב ביז דעמאלט איז נישט געווען אין דאמבראווע, נאר בבית מגוריו פון די מחותנים, ממילא איז דער חוזה שטענדיג געקומען צו די צייט, אבער די חתונה איז געווען די עלטסטע טאכטער פונעם דאמבראווער רב וואס ער האט געמאכט ביי זיך אין שטאט, וועגן דעם איז דער רבי פון לובלין געקומען אזוי שפעט.

די מעשה האט דער רבי דערציילט אריינקומענדיג צום טיש, אלס התנצלות פאר זיין אריינקומען שפעט.

די מעשה האט אויסגעזען ווי דער רבי דערציילט דאס אלס ווערטל, אבער ר' זלמן ע"ה פלעגט איבערדערציילן די מעשה מיט א תמימות און אמונה שלימה, אז דאס איז ווירקליך געווען די סיבה פונעם רבינ'ס שפעטיגן, וויבאלד אנטווערפן איז א ציוני'סטישע שטאט און עס זענען דא אסאך אפיקורסים אין די שטאט, האט דער רבי נישט געוואלט קידוש מאכן און מעיד זיין אויף בריאת שמים וארץ נאר ווען די אלע חברה שלאפן שוין, און דער אויר איז שוין מער לויטער.

**פאָרזעצונג קומט אי"ה**

לייענדיג די וואונדערליכע באשרייבונגען איבער דעם חשוב'ן מנהל הרב החסיד ר' זלמן בינער ז"ל מיט זיין געטרייע מסירות נפש פאר יעדן תלמיד, און באזונדער די שילדערונג פון הרבני הנגיד ר' פישל ריספלער הי"ו וויאזוי דער מנהל האט זיך אומגלויבליך אוועק געגעבן און געשטאנען ביים מיסט-קאסטן איבער א שעה צו זוכן די 'בייט פלעיט' וואס א קינד האט פארלוירן, פארשטייענדיג דאס חשיבות דערפון אין זיינע אויגן, און ווי דאס קינד'ס פריוואטע געפילן איז געווען ביי אים מער ווי אלעם.

אונטער דעם רושם קומט מיר אויף צו שרייבן די פאלגנדע שורות:

ברוך השם, לא אלמן ישראל, רבי זלמן האט תלמידים אויך כהיום הזה, איך בין דא א מלמד אין די בניני המוסדות אין קרית יואל אויף ראצפערט. עס איז געווען אין די לעצטע טעג ממש פאר פסח ווען עס זענען שווערע אנגעצויגענע טעג אין חדר, די מלמדים זענען פארנומען צו לערנען מיט די קינדער כל מיני לימודים צו צוגרייטן צום סדר.

עס קומט אריין אין מנהל'ס אפיס א היסטערישע טעלעפאן רוף פון א טאטן, וואס זאגט אז ער איז נארוואס אהיימגעקומען פון לאנדאן, וואו מען האט באזוכט ביים ספעציעלן אויגן דאקטער פאר זיין זון, און איינגעקויפט פאר אים ספעציעלע טייערע ברילן וואס זאל אים העלפן מצליח זיין צו געהעריג זען און קענען לייענען.

היינט אינדערפרי ביי פרישטאג, האט דאס קינד, וואס איז נאכנישט צוגעוואוינט צו די ברילן, עס אויסגעטון און אראפגעלייגט בשעת'ן עסן אויפ'ן טיש, און נאכ'ן ענדיגן עסן האט ער עס פארגעסן און ער האט אוועק שפאצירט איבערלאזנדיג דאס ברילן אויפ'ן טישטוך, און מען האט שוין יעצט אראפגעצויגן די טישטוכער אין מיסט קאסטן, מיטשלעפנדיג מיט זיך די ברילן, און דאס קינד רופט אהיים פארווינט, צובראכן, אז ער האט נישט די טייערע גלעזער וואס מ'האט נארוואס באשטעלט פאר אים.

און דער צובראכענער טאטע פרעגט "וואס איז שייך צו טון צו קענען העלפן דאס קינד?".

צום ערשט איז דער סעקרעטאר פונעם מנהל אראפ אין עס-זאל, און פרובירט צו קוקן איבעראל, צו זען צי די ברילן איז אפשר אנגעקומען ערגעץ אויף א זייטיג ווינקל וכדומה.

אבער עס איז גאנץ שנעל קלאר געווארן אז דאס איז זיכער אנגעקומען אין מיסט קאסטן, אינאיינעם מיט נאך הונדערטער אראפגעצויגענע טישטוכער פון אלע אפטיילונגען פון די תלמוד תורה וואס האבן געגעסן היינט אינדערפרי פרישטאג.

וויפיל מיר האבן פרובירט, דער טאטע זאגט אונז אבער, "מיט די ברילן קען מיין יונגל לערנען, אן דעם קען ער נישט לערנען, איך בין גרייט צו באצאלן וויפיל עס פעלט אויס פאר א שעה, אז איר זאלט נעמען די ערלים וואס ארבעטן דארט אין קאך, און זיי זאלן ארויסנעמען יעדע מיסט קאסטן, אפילו עס וועט נעמען שעות און אפילו עס וועט קאסטן א טייערן פרייז. בין איך גרייט צו צאלן יעדן פרייז אז מ'זאל דאס טרעפן. דאס מיינט מיין קינד'ס הצלחה, דאס מיינט מיין קינד'ס לערנען, און איך קען אויף דעם בשום אופן נישט מוותר זיין."

דער מנהל האט זיך פארבונדן מיטן איש החסד הרה"ח ר' יושע קארנבלי הי"ו, און אים געפרעגט צי ער קען אונז העלפן אויסארבעטן א פלאן וויאזוי מיר קענען גיין ווייטער מיט אזא אפעראציע. ר' יושע איז אראפגעקומען מיט עטליכע עסקנים, ער האט באטראכט דעם גאנצן ארום, און ער האט געמאכט א פלאן וויאזוי מ'וועט זיך נעמען איבער דעם ברייט-פארצווייגטן אפעראציע. עס רעדט זיך פון א גרויסע דאמפסטער, מיט הונדערטער זעק מיסט.

דער טאטע פונעם קינד אליין איז אראפגעקומען בכבודו ובעצמו, און ער האט אונז פארזיכערט אז ער גייט נישט אוועק פון דעם פלאץ ביז ווילאנג די ברילן וועלן זיין געטראפן, אפגעזען וואספארא פרייז דאס וועט אים קאסטן.

מיר האבן אנגאזשירט אלע ארבייטער פון אונזער קאך, זיי פארזיכערנדיג אז יעדער וועט באקומען באצאלט, "הייבט אן ארויסצונעמען טישטוך נאך טישטוך, פלעסטיק נאך פלעסטיק, און עפענען און דורכזוכן"...

ר' יושע מיטן טאטן מיט עטליכע סעקרעטארן פון די תלמוד תורה זענען געשטאנען דערביי, גרייט אויף לאנגע שעות ברייט פארצווייגטע ארבעט ביז ווען דאס וועט געפונען ווערן. און אזוי האבן מיר אנגעהויבן די מלאכה.

און יעצט, הערט און שטוינט... מען האט זיך גענומען צו די ארבעט, און... ביים ערשטן טישטוך וואס איז געעפנט געווארן, דארט איז געווען די ברילן...

עס האט נישט גענומען מער ווי צוויי מינוט פון ווען די ארבעט האט זיך אנגעהויבן, און די ברילן איז געווען געפונען.

מיר האבן געזען דערין א ווינק פון הימל: יגעת, הייב זיך נאר אן צו פלאגן, ומצאת, און דו וועסט שוין טרעפן. דאס איז געווען דער בעסטער סימן מן השמים. טו וואס דו דארפסט, און דער אייבערשטער וועט העלפן.